# קרית ברסלב בלעטל

נומער צ״ג

פארגרעסערטע
בלעטל לכבוד
ראש השנה
התשפ״ב

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א



## מוהרא״ש זי״ע געט א שיעור הארט פארן אהיים גיין ראש השנה תשע״ד

## א ווארט
פונעם ראש ישיבה שליט״א

### דער רבי צאלט צוריק

וויסן זאלסטו אז די אלע טויזענטער אידן וואס קומען צום רבי'ן - קיינער קומט נישט גרינגערהייט, נאר יעדער איינער קומט מיט מסירות נפש; נאר וואס דען? אז דער רבי האט געהייסן קומען, קומט מען און קיין קשיות. און דער רבי וועט דיר צוריק געבן די גאנצע קאסטן פון די נסיעה.

עצתו אמונה פרשת שלח תשע״ז

**זמנים** Liberty

שבת קודש נצבים תשפ״א

הדלקת הנרות .......... 07:10

מוצאי שבת ............. 08:38





# שטעטל נייעס

קרית ברסלב

## פאגרעסערטע בלעטל

ווי אלע זעהן האט מען מיטן אייבערשטענ׳ס הילף פארברייטערט דעם קרית ברסלב בלעטל, אויף גאר א שיינעם פארנעם.

קרית ברסלב בלעטל קומט שוין ארויס וועכענטליך פאר גאנצע צוויי יאר, דער ערשטער בלעטל איז ארויסגעקומען צוויי יאר צוריק ראש השנה, און מען קען זאגן אז דער בלעטל האט גאר אסאך אויפגעטוהן סיי פאר אנשי שלומינו און סיי און דער אלגעמיינער גאס, גאר אסאך מענטשן האבן זיך געעפענט די אויגן ווען זיי האבן געזעהן די מעשיות פון תפלה אינעם גליון וואס קומט ארויס וועכענטליך, ווי אינגעלייט שרייבן זייער פערזענליכע מעשה וואס זיי האבן געהאט, און מען האט אנגעהויבן כאפן אז "דאס מיינט מיר אויכעט", איך קען אויך בעטן יעדע זאך דעם אייבערשטן, איך דארף נישט שרייען און זיך רעגן אויף די מענטשן ארום מיר, קיינער איז נישט שולדיג ווען עפעס גייט נישט ווי איך וויל, וואס איך דארף קען איך בעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער העלפט.

אזוי אויך די נייעס אין שטעטל האבן מענטשן גאר שטארק הנאה, מען וויל מיטהאלטן וואס ס׳טוט זיך אינערהאלב דעם ברסלב׳ן שטעטל, וויאזוי ס׳אנטוויקלט זיך, און וויאזוי מען לעבט דארט, ס׳איז דאך עפעס א נייע זאך וואס איז נישט געווען ביז היינט אין אמעריקע, א ברסלב׳ע שטעטל וואו אלע לעבן מיטן אייבערשטען, קינד און קייט לעבן מיט די עצות פונעם הייליגן רבי׳ן.

דערנאך קומט די בריוו פונעם ראש ישיבה שליט״א וואס דאס הערט מען אויך אסאך צוריק פון מענטשן וואס זאגן אז זיי האבן גאר שטארק הנאה פונעם בריוו וואס ווערט ארייַן געלייגט יעדע וואך, די ריכטיגע בריוו און די ריכטיגע צייט.

שפעטער איז דא די חידות אפטיילונג, וואס גאר אסאך קינדער ווארטן אויף דעם א גאנצע וואך, און דאס ברענגט אריין גאר אסאך ידיעות אין די קינדער, צי קענען און וויסן די שיחות פונעם הייליגן רבי׳ן.

דאס איז אלץ געווען ביז יעצט, אבער יעדע זאך מיז מען גיין מעלין בקודש, בפרט ווען עס קומט ביים רבי׳ן דארף מען אלץ זעהן וויאזוי מען קען מאכן בעסער און שענער, אז נאך א מענטש זאלן וועלן הערן פון די עצות וואס דער הייליגער רבי האט אונז צו פארקויפן.

דערפאר האט די וועד פונעם קרית ברסלב בלעטל געזעהן פאר וויכטיג, נאכדעם וואס איז שוין געווארן צוויי יאר פונעם התיסדות, צו גיין א שטאפל פאראויס, און ארויסקומען מיט גאר א שיינעם פארגרעסערטע בלעטל, מיט פיל מער תוכן, און גאר רייך און שיין צו ליינען.

מען האט צוגעלייגט א פרישע אפטיילונג פון "היכל הקודש נייעס" וואס דארט וועט ווערן געדעקט די נייעס אינערהאלב קהילות היכל הקודש.

אויך איז געווארן צוגעלייגט א אפטיילונג פון "א מעשה פון א צדיק" וואס דאס איז גאר א וויכטיגע זאך צו שטענדיג ליינען און הערן מעשיות פון צדיקים, ווייל דאס וועקט אויף דעם מענטש ער זאל אויך וועלן זיין א צדיק.

מען האט צוגעלייגט א "פארזעצונג אפטיילונג" א מעשה וואס וועט ווערן צוטיילט און פארזעצונגען, יעדע וואך וועט זיין א המשך פון די פריערדיגע וואך, מען וועט אנהייבן מיט די מעשה פונעם הייליגן רבינ׳ס נסיעה צו ארץ ישראל, וואס וועט האלטן געשפאנט קינד און קייט פאר א לאנגע צייט, ווען מען וועט ענדיגן מיט דעי מעשה, וועט מען גיין צום קומענדיגן פארזעצונג אם ירצה השם.

און אזוי נאך פילע אינטערסאנטע אפטיילונגען זענען געווארן צוגעלייגט, וואס מיר האפן מיטן אייבערשטענ׳ס הילף אז יעדער וועט שטארק הנאה האבן.

און צום סוף ווילן מיר לאזן וויסן אז אויב איר האט סיי וואספארא הערה אויפן נייעם בלעטל וואס איר האלט אז עס וואלט געקענט זיין בעסער, זאלט איר אונז לאזן וויסן, מיר זענען שטענדיג גרייט צו הערן.

די נומער פאר קאמעטארן און הערות איז 347-379-1161

קרית ברסלב

## אנגעהויבן א נייע זמן אין בית פיגא סקול קרית ברסלב ליבערטי.

א נייע זמן האט זיך אנגעהויבן אין סקול, מיט צוויי פרישע קלאסן, איין קלאס איז צוגעקומען ביי די קלענערע קינדער צוליב דעם וואס נאך אפאר פרישע משפחות האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל בשעה טובה ומצלחת.

אזוי אויך האט מען געעפענט א נייע קלאס פאר די גרעסערע מיידלעך, א קלאס פון פופצן מיידלעך, און דאס אלעס ווערט אנגעפירט דורך די חשובע מנהלת מרת לעזער תחי׳ וואס האט זיך אהערגעצויגן יעצט אין די זומער, וואס דאס וועט גאר שטארק אויפהייבן די הצלחה פאר די סקול.

מען האט אויפגענומען פרישע טיטשער׳ס וואס זענען תלמידות בית פיגא ברסלב, און זיי ווייסן גוט וויאזוי דער ראש ישיבה שליט״א וויל די סקול זאל זיך פירן, טיטשער׳ס וואס ווייסן אז יעדע קינד איז חשוב און טייער, און יעדן טאג בעט מען דעם אייבערשטען פאר די הצלחה פון יעדן קינד פערזענליך.

מיר וואונטשן זיי הצלחה אין זייער הייליגע ארבעט, זיי זאלן מצליח זיין מיט די קינדער דעם גאנצן יאר.

היכל הקודש

# נייעס

קרית יואל אומגעגענט

## נייע בית פיגא סקול געעפענט בגלילות קרית יואל

גאר פריילעכע נייעס קומט אריין אז עס האט זיך געעפענט א פרישע בית פיגא סקול אין די געגנט פון קרית יואל.

אנגעהויבן האט זיך עס מיט דעם וואס מען האט געעפענט א צייט צוריק א תלמוד תורה היכל הקודש, פון וואס מען הערט צוריק גאר גוטע גריסן פון די עלטערן אז זיי קענען נישט גענוג אפדאנקן די חשובע מלמדים פאר די פילע כוחות וואס זיי לייגן אריין אין די קינדער זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן, די קינדער הערן נישט אויף רעדן פונעם אייבערשטן, די קינדער זענען דרך ארץ'דיג, זיי מוטשענען נישט די עלטערן ווען זיי דארפן עפעס, ווייל זיי ווייסן אז דער אדרעס וועם מען דארף מוטשענען איז דער אייבערשטער, אים קען מען בעטן וואס מ'וויל און ער קען געבן וואס מען דארף.

אבער עס איז געווארן א פראבלעם, ווייל מען האט געזעהן אז די אינגלעך באקומען אזא שיינע וועג אין לעבן, איז פארוואס זאלן די מיידלעך נישט וויסן פון דעם שיינעם וועג וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז, וואס זענען זיי וויניגער?

דערפאר האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אראפגעזעצט מיט אפאר חשובע אינגעלייט פון אנשי שלומינו אדורך גיין וויאזוי מען קען אויסארבעטן אז מען זאל קענען עפענען א בית פיגא סקול פאר די מיידלעך, דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעקליבן גאר חשוב'ע פרויען תלמידות בית פיגא, זיי זאלן זיין די טיטשערס פאר די ערשטע צוויי קלאסן וואס עפנט זיך, און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיי איבערגעגעבן די וועג וויאזוי ער וויל זיי זאלן פירן די סקול, און יעדע שאלה וואס זיי האבן זאלן זיי זיין פארבינדן מיט די חשובע מנהלת פון בית פיגא מרת לעזער תחי', וואס וועט זיי מיטן אייבערשטענ'ס הילף אויסקלארן מיט יעדע שאלה וואס קומט נאר אפיר.

דאס איז נאך א רינגעלע צום הערליכען בליה אין מוסדות היכל הקודש ברסלב, און מיטן אייבערשטענ'ס הילף וועט צוקומען נאך און נאך תלמוד תורה'ס און מיידל שולע'ס היכל הקודש ברסלב איבער די גאנצע וועלט.

ארץ ישראל

## א הערליכער שיעור פאר תלמידים אין ארץ ישראל

א הערליכער שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן פאר די תלמידים אין ארץ ישראל, וואס זענען זיך צאמגעקומען צו הערן א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א.

דאס איז געווען פארגאנגענעם מיטוואך פרשת כי תבא לאומן תשפ"א, מען האט אפגעשמועס א צייט ווען די שיעור וועט זיין וואס דעמאלטס וועט דער ראש ישיבה שליט"א געבן א שיעור ספעציעל פאר אנשי שלומינו אין ארץ ישראל, אבער אין די זעלבע צייט וואס מען האט געדארפט געבן דעם שיעור איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין סטודיו רעקארדירן פארן פרישען סידי וואס וועט ארויס קומען בקרוב אם ירצה השם, אינמיטן האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א געכאפט אז ער האט אינגאנצן פארגעסן פון דעם צאמקום אין ארץ ישראל, זיי שטייען אוןווארטן צו הערן א שיעור, וואס טוט מען דא?

דער בעל הבית פונעם סטודיו האט געזעהן וואס עס גייט פאר, האט ער געזאגט ער גיבט אוועק דעם סטודיו אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל קענען געבן א שיעור.

עס איז געווען גאר א ספעציעלע שיינער שיעור התחזקות, און אזוי אויך האט מען געזינגען גאר שיינע ניגוני תשובה צוזאמען, פון וואס אנשי שלומינו זענען ארויס פיל מיט התחזקות פון דעם.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען מען זאל זעהן נישט צו אויסגעבן איבריגע געלטער וואס פעלט נישט אויס, אויב מען וויל הערן א שיעור קען מען זיך צאמקומען אין בית המדרש היכל הקודש, אבער נישט ארויסדינגען פאר דעם א זאל.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אין ישיבה איז פארגעקומען א בר מצוה פאר איינע פון די תלמידים אין חדר, וואס דער בעל שמחה האט כמעט נישט קיין קרובים וואס וואוינען דאהי', עס איז געווען אכט מענטשן פון די משפחה, א נס האט דער טאטע פונעם בחור אז זיי זוהן לערנט ביי אונז אין חדר, האט ער געזאגט פארן טאטן אז ער וויל בר מצוה האבן דא אין ישיבה, אזוי קאסט עס גארנישט פארן טאטן, וואס נארמאל ארויסדינגען א זאל פאר א בר מצה קען קאסטן אפאר טויזנט דאלער.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך קענען האלטן ביים הייליגן רבי'ן א גאנץ לעבן און פאלגן די עצות וואס ער לערנט אונז.

# "מעשיות פון תפילה"



## שלום פאללמאן:

אט אט פארט מען שוין צום הייליגן רבי'ן קיין אומן, און איך האב נאך נישט געהאט קיין פאספארט. איך האב אנגערופן די פאספארט אפיס אז איך וויל מאכן א פאספארט, האבן זיי געזאגט אז ס'איז דא איין אפוינטמענט אבער אין זייער א ווייטע אפיס. וואס טוט א ברסלב'ער איד? מען בעט דעם אייבערשטן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן און נאכאמאל פרובירט אריין רופן די פאספארט אפיס. נארמאל נעמט זייער לאנג ביז איינער הייבט אויף און דא ווערט שפעטער און שפעטער און איך דארף האבן מיין פאספארט. האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער, איך דארף זיין אין אומן ראש השנה אבער איך האב נישט קיין פאספארט, העלף מיר, איינער זאל אויפהייבן די טעלעפאן שנעל און איך זאל שנעל קענען באקומען מיין פאספארט" ווי נאר איך ענדיג בעטן הייבט איינער אויף און איך פרעג אים "ווען איז די שנעלסטע אפוינטמענט" זאגט ער מיר יא! עס איז דא אן אפוינטמענט נאך די וואך אין די אפיס וויניגער וואו א שעה צו פארן, איך בין טאקע אראפגעפארן אהין און נאך אינעם יענעם טאג האב איך געהאט מיין פאספארט, שכח אייבערשטער!

## יעקב משה אינדארסקי:

ברוך השם אז איך קען העלפן דעם רבי'ן און זיין א מלמד אין די הייליגע ברסלב'ע חדר אין שטעטל און אריינלייגן אין די קינדער אמונה און תפילה פון יונגווייז אן. פאר די זוממער האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל זיין א געשמאקע און גרינגע זוממער, איך זאל קענען אנפילן די קינדער מיט די זיסע עצות פונעם הייליג'ן רבי'ן וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז, שכח אייבערשטער אז אזא שיינער זוממער ווי דער יאר האב איך נאך נישט געהאט, איך האב געשפירט ווי דער אייבערשטער באגלייט מיר אויף טריט און שריט.

## מרדכי אהרן הייליפרין:

ביי די פלאץ וואו איך ארבעט איז דא א קאמפיוטער וואס מען ניצט צו ארויס סקענען אלע זאכן וואס מ'שיקט צו די לאקאציעס אזוי זאל מען וויסן וואו די זאכן האלטן און צו עס איז שוין אנגעקומען. דער קאמפיוטער האט אנגעהויבן צו מאכן פראבלעמען ביז איין טאג האט עס אינגאנצן אויפגעהערט צו ארבעטן. איך האב אנגערופן די קאמפאני וואס פאררעכט קאמפיוטערס און מסביר געווען דער פראבלעם, האבן זיי אנגעהויבן צו זאגן פרוביר דאס צו טון, פרוביר יענץ אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, עס האט זיך נישט אנגעצינדן. ביז זיי האבן געזאגט אז מען קען פרובירן נאך איין זאך אבער אויב דאס וועט נישט ארבעטן קען מען גארנישט טון מער און מען וועט דארפן קויפן א נייע קאמפיוטער. האב איך געטראכט וואס שאדט צו פרובירן, איך האב געטון וואס זיי האבן געזאגט און איך ווארט ס'זאל זיך אנצינדן אבער גארנישט, טויט, עס צינדט זיך נישט אן. וואס טוט מען דא? עס איז אינמיטן די פארנומענסטע צייט פון יאר און איך האב נישט קיין צייט צו קויפן א נייע קאמפיוטער און אויפסעטן, אבער איך מוז עס זען ארבעטן גאר וויכטיג. האב איך זיך דערמאנט אין די זיסע עצה פון תפילה, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן " באשעפער איך וויס נישט וואס צו טון, איך דארף האבן דעם קאמפיוטער גאר וויכטיג אבער עס ארבעט נישט העלף מיר מאך א נס ס'זאל זיך אנצינדן", איך גיי צו און איך פרוביר עס נאכאמאל אנצוצינדן און וואונדער איבער וואונדער עס צינד זיך אן כאילו לא היה, ווי א נייע קאמפיוטער, שכח אייבערשטער!

## יואל מעדלאוויטש:

איך האב א פריזער שוין אפאר יאר און ברוך השם ס'ארבעט זייער גוט. איין טאג שטיי איך אויף צופרי און איך הער א מאדנע גערודער קומט ארויס פונעם פריזער, א הויכע גערודער ממש ווי א העליקאפטער, ס'איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט ווייל עס איז נישט אזא אלטע פריזער און עס האט קיינמאל נישט געמאכט קיין פראבלעמען, די גאראנטי פאר דעם איז שוין אפגעלאפן פאר א שיינע שטיק צייט, און קויפן א נייע גייט נישט אזוי שנעל, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די גערודער זאל זיך אפשטעלן און ס'זאל ארבעטן אזוי גוט ווי ביז היינט, איך זאל נישט דארפן קויפן א נייע. שפעטער האב איך ווייטער געהערט די גערודער האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן, שכח אייבערשטער אז די גערודער האט זיך אפגעשטעלט און די פריזער ארבעט פונקט ווי פריער אן קיין פראבלעמען. שכח אייבערשטער!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א



בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קעז): ״רָאוּי לָכֶם לִשְׂמֹחַ בִּי, מַה שֶׁזְּכִיתֶם שֶׁיִּהְיֶה לָכֶם רַבִּי כָּזֶה״, אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין עֶנְקֶער רֶבִּי; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): **״וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד״**, וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר; אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵייליךְ אַ גַאנְץ יָאר.

מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן נָאר צוּם רֶבִּי'ן, מִיר קוּמֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען מֹשֶׁה וֶועלְוֶול, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע - אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אַז עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: ״מֹשֶׁה וֶועלְוֶול, דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָּיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?״ אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן טְשֶׁערִינֶער רָב, 'וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא? **עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן**, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן'; וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מוֹהֲרָא״ש פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן; נָאכְדֶעם וָואס דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים פְלֶעגְט עֶר זָאגְן **'אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט בִּיז אוּמַאן, פוּן דָא אִין וַוייטֶער וֶועט זִיךְ דֶער רֶבִּי זָארְגְן פַאר דִיר'**; וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

מִיר הָאפְן אוּן מִיר וַוארְטְן צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דִי גְרֶענִיץ עֶפְנְט זִיךְ אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**



# חידות

## אפטיילונג

דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: אז מען לערנט אסאך ספר ליקוטי מוהר״ן וועט מען...

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. האבן גרויס שפע

ב. האבן א גוטע לעבן

ג. ווערן אפגעהיטן פון ווערים אין קבר

ד. זעהן נחת ביי די קינדער

ענטפערס פון פאריגע וואך:

**התעוררות ערב ראש השנה**

דער געווינער פון פאריגע וואך איז

**יוסי איצקאוויטש נ״י - בארא פארק**

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

שלום יוסף יאקאבאוויטש הי״ו

וזוגתו ביילא תחי׳,

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ׳ס וועג.


D&S APPLIANCES

אייער פריינד

דודי לאוקס

718-938-8605

Sales@dshomeappliances.com

# א מעשה
## פון א צדיק



### מעשה פון בעל שם טוב זי"ע

אִין שְׁטָאט מֶעזְבּוּז דָארְט וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעוואוֹינְט, אוּן דָארְט לִיגְט עֶר, הָאט גֶעוואוֹינְט אַ פָּארְפָאלְק וָואס הָאבְּן לֵיידֶער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קַיין קִינְדֶער, דֶער אִינְגֶערְמַאן אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִינֶעם זֶעלְבְּן שְׁטָאט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דָאךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵד אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער, אַ פְרוֹי הָאט גֶעוֶוענְלִיךְ מֶער אֱמוּנַת צַדִיקִים פוּן אַ מַאן, הָאט זִי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְשֶׁעפֶּען "זֶעסְט דָאךְ מֶען קוּמְט פוּן אַלֶע מְדִינוֹת נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם צַדִיק, אוּן יֶעדֶער גֵייט אַרוֹיס פְרֵיילִיךְ מִיט אַ יְשׁוּעָה אִין דִי הַאנְט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין?"

אָבֶּער עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין. אַ פְרוֹי הָאט אָבֶּער אִין זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ, הָאט זִי גֶעוֵויינְט צוּ אִיר מַאן יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אַז עֶר זָאל יָא גֵיין צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ אוֹיף אִים, דוּ קֶענְסְט אִים דֶען?", אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס "אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אוּן דִי אַלֶע זַאכְן". אָבֶּער דִי כֹּחוֹת הַנֶפֶשׁ פוּן אַ פְרוֹי אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט בְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּער גֵיין צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען; "מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ אַז אִיר זָאלְט אוּנְז בֶּענְטְשְׁן מִיר זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אוּן וָואס זָאגְסְטוּ?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אוֹיף אַייךְ", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אוֹיבּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ זוּהן, פַארְלָאז יֶעצְט דַיין הוֹיז, אוּן פָאר אַרוּם אִין אַלֶע שְׁטֶעט, אוּן פְרֶעג אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן דֶעם צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב", אוֹיבּ הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעהֶערְט זָאלְסְטוּ פָארְן צוּם נֶעקְסְטְן שְׁטָאט, בִּיז דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ אַ שְׁטָאט וָואס דָארְט הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ מְפַרְסֵם זַיין אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס וואוֹינְט אוּן שְׁטָאט מֶעזְבּוּז אוּן עֶר הֵייסְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

קַיין צְוֵויי בְּרֵירוֹת הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט, זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעשְׁטוּפְּט עֶר זָאל אַרוֹיסְפָארְן, דֶער עִיקָר עֶר זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגְן אַ יְשׁוּעָה זֵיי זָאלְן שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



# דעם רבינ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 1

מיר הייבן אן א נייע סעריע די מעשה פונעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל.

ווי באקאנט ביי אנשי שלומינו האט דער הייליגע רבי זייער שטארק געוואלט פארן אויף ארץ ישראל זוכה זיין צו די גרויסע זאכן וואס מען קען באקומען ווען מען איז אין ארץ ישראל, אבער דאס איז נישט אנגעקומען גרינג, עס איז געווען גאר גאר א דראמאטישע נסיעה, סיי אויפן וועג אהין און סיי אויפן וועג צוריק.

אין דעם קאלום וועלן מיר אייך אראפברענגען די קומענדיגע וואכן דעם גאנצן מעשה פון אנהייב ביזן סוף, מיר האפן איר וועט הנאה האבן און ארויסנעמען פון דעם גאר שיינע הדרכות און עצות אויפן גאנצן לעבן.

...

אֵיין טָאג, אָנְהוֹיבּ וִוינְטֶער שְׁנַת תקנ"ח, אִיז ר' שִׁמְעוֹן גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶפֶּעס אַ נְסִיעָה וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְגֶעץ פָארְן, אִיךְ וֵייס אָבֶּער נִישְׁט וואוּ אַהִין". ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט, "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָארְן, אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וואוּ מְ'וִויל פָארְן?", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ וֵייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט".

גְלַייךְ וֶוען ר' שִׁמְעוֹן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּגְרֵייטְן אַ וָואגְן מִיט פֶערְד אוּן אַלֶע אִיבְּרִיגֶע גֶעבְּרוֹיכְן פַאר אַ נְסִיעָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "וֶועסְטוּ קֶענֶען מִיטְפָארְן מִיט מִיר?", הָאט ר' שִׁמְעוֹן צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס דֶען נִישְׁט?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי רֵייזֶע קֶען זִיךְ פַארְצִיעֶן פַאר אַ וָואךְ אָדֶער צְוֵויי וָואכְן, אוּן אֶפְשָׁר פַאר אַ חוֹדֶשׁ אָדֶער אַ פֶערְטְל יָאר, אוּן אֶפְשָׁר אֲפִילוּ פַאר אַ הַאלְבּ יָאר אָדֶער אַ גַאנְץ יָאר. הָאט ר' שִׁמְעוֹן וִוידֶער גֶעלַאכְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי סְ'קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וִויסְן וואוּ עֶר פָארְט אוּן וִוי לַאנְג דִי רֵייזֶע וֶועט נֶעמֶען. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי מֵיינְט עֶס זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶר וִויל טַאקֶע זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְ'ן וֶועג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר וֶועט מִיטְפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ אוֹיבּ דִי נְסִיעָה וֶועט זִיךְ פַארְצִיעֶן פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט. אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס פָארְט קַיין מֶעזְבּוּז.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן דוּרְכְצוּפָארְן דֶעם דָארְף וָואלְחִיוִויץ, אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִיטְפָארְן מִיט זֵיי, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וואוּ עֶר פָארְט.

וֶוען מְ'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מֶעזְבּוּז, אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ אִים. עֶר אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט אִים זַיין מַאמֶע דִי צַדֵיקֶת גֶעזָאגְט, "מַיין טַייעֶר קִינְד, וֶוען וֶועסְטוּ גֵיין צוּ דַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע [דָאס מֵיינְט צוּ זַיין הֵיילִיגֶער קֵבֶר]?", הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ מַיין זֵיידֶע וִויל מִיר טְרֶעפְן, זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר אַהֶער".

בַּיינַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, אוּן אִינְדֶערְפְרִי אִיז זַיין מַאמֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִים גֶעזָאגְט, "יֶעצְט אִיז דַיין זֵיידֶע דָאךְ שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דִיר, וֶוען וֶועסְטוּ צוּרִיק גֵיין צוּ אִים [צוּ זַיין הֵיילִיגֶער קֵבֶר]?", הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט, "יֶעצְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ זַיין קֵבֶר, וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' גֵיין צוּ אִים".



# בילדער
## אפטיילונג


פרייליכע חתונה פון החתן יצחק פעלדמאן נ״י אין ישיבה


ספרים פאר הפצה אין היכל הקודש ירושלים


דער ראש ישיבה טאנצט מיט די מחותנים און די חתן


סיום מסכת תענית 101 מאל פון הבחור משה בוים נ״י


דער ראש ישיבה שליט״א ביים טאנצן מצוה טאנץ


הערליכע מזרח וואנט אין היכל הקודש ליבערטי